גוט שבת אלע אידן. ר' יעקב ליינער, נישט זיין עכטע נאמען איז אמאל געווען אויפן וועג אהיימפארענדיג קיין ניו יארק ווען זיין קאר איז צעבראכן געווארן אין קאנעטיקאט. עס איז געווען נאכט און עס איז נישט געווען מעגליך אז ער זאל קענען טרעפן איינעם וואס וועט קענען פאררעכטען זיין קאר ביז דעם נעקסטען טאג. באין ברירה, איז יעקב געגאנגען צום נאנסטען האטעל וואו ער האט געדארפט דינגען א צימער.

זייענדיג מיד און דארשטיג, איז יעקב געגאנגען לעבן דעם אריינגאנג פונעם האטעל כדי צו קויפן סעלצער אדער אן אנדערע טרונק פון דער מאשין דארט וואס מען טרעפט אייביג אין האטעלס. אויף זיין וועג צו דער מאשין האט יעקב באמערקט א שרעקליכען גוי וואס איז אויך געווען אויפן וועג צו קויפען עפעס צו טרינקען.

ווען דער גוי האט געזען דעם קאפל אויפן איד'ס קאפ האט דער גוי זיך געגעבן א רוף אן און געזאגט: "די זאך אויף דיין קאפ האלט דיין קאפ ווארעם?"

יעקב האט דעם גוי צוריקגעענטפערט, "איך האב דיך געטשעפעט? איך דיך עפעס געטון, פארוואס האסטו מיך אנגערייצט?" יעקב האט גלייך חרטה געהאט אז ער האט בכלל געענטפערט דעם גוי. ווייל וואלט ער געבליבן שטיל, וואלט זיך עס געענדיגט אויפן פלאץ.

דאן האט דער גוי געזאגט, "זייט מוחל. דו ביסט גערעכט. דו האסט מיך טאקע גארנישט געטון און איך בין טאקע נישט גערעכט געווען אז איך האב אנגעהויבן מיט דיר."

יעקב האט נישט געגלייבט וואס ער האט געהערט פון דעם גוי. יעקב איז נאך מער איבערראשט געווארן ווען דער גוי האט געזאגט צו אים, "קום לאז מיר דיך קויפן עפעס צו טרינקען." יעקב האט נישט געהאט קיין ברירה, און ער האט געלאזט דעם גוי קויפן פאר אים א קען סעלצער. דאן האט דער גוי אנגעהויבן צו דערציילן אן אינטערעסאנטע מעשה.

"מיין זיידע..." האט דער גוי אנגעהויבן צו זאגן, "האט מיך אייביג געזאגט אז איך זאל זיך אויפפירען שיין מיט אידן. מיין זיידע האט געקעמפט אין דעם אמעריקאנער ארמיי אין דעם צווייטען וועלט קריג, און א איד אזוי ווי דיר (א פרומער) האט געמאכט זייער א גוטן רושם אויף אים. יענער איד איז געווען דער אידישער טשעפלאן (רב) אין מיין זיידע'ס מחלקה (גרופע פון סאלדאטן). יענער איד איז געווען זייער אן ערליכער איד, א ווארעמער מענטש, א גוטער. מיין זיידע האט אים זייער ליב געהאט.

"נאך דער מלחמה, ווען מיין זיידע איז נאך געווען אין יוראפ מיט דעם אמעריקאנער ארמיי, האט ער געזען ווי יענער טשעפלאן האט אוועקגעגעבן זיין גאנצע צייט צו טרעפן אידישע קינדער און יתומים וואס זענען באהאלטן געווארן דורך גוים דורך די מלחמה יארן. אסאך פון די גויאישע משפחות האבן נישט אזוי שנעל געוואלט צוריקגעבן יענע קינדער.

"איין טאג, איז דער טשעפלאן צוריקגעקומען צו דעם מיליטער'ס לאגער אויסזעענדיג זייער טרויעריג. מיין זיידע האט אים געפרעגט וואס איז געשען און דער טשעפלאן האט דערציילט אז עס זענען דא עטליכע גויאישע משפחות וואס ער איז זיכער אז זיי האלטן אידישע קינדער, אבער ווען דער טשעפלאן גייט צו זייערע הייזער, פארמאכן זיי די טיר אין זיין פנים..."

יעקב האט צוגעהערט דעם גוי'ס דערציילן דעם מעשה שטילערהייט ביז יעצט. דאן האט ער אריינגעהאקט אין די גוי'ס ווערטער און ער האט געזאגט, "ביטע, לאז מיר ענדיגן דעם מעשה... דיין זיידע וואס האט זייער ליב געהאט דעם טשעפלאן, האט פארגעשלאגען צום טשעפלאן אז ער מיט אן אנדערען סאלדאט קענען אים באגלייטן די נעקסטע טאג ווען דער טשעפלאן וועט צוריקגיין צו יענע משפחות.

און די נעקסטע טאג, איז דער טשעפלאן טאקע צוריקגעגאנגען מיט די צוויי גויאישע סאלדאטן. ווען דער טשעפלאן האט געקלאפט אויף א טיר, האט איינע פון דער גויאישער משפחות עס געעפענט, אבער זעהנדיג אז א איד שטייט דארט, האבן זיי געוואלט שנעל פארמאכן די טיר. אבער, דיין זיידע מיט דעם אנדערען סאלדאט האבן נישט געלאזט, ווייל זיי האבן אריינגעלייגט א פוס אין דעם טיר. 'ווארט איין מינוט! דער טשעפלאן איז דא געקומען וועגן א סיבה, און דו זאלסט אים אויסהערן!' האט דיין זיידע געזאגט ווייזענדיק זיין ביקס צו דער משפחה ביי די טיר.

"א דאנק צו דיין זיידען און זיין חבר, ווייל דורך זיי האט דער טשעפלאן געקענט ראטעווען נאך מער אידישע קינדער און זיי צוריקברענגען צו זייערע אידישע ווארצלען!"

יעקב האט געענדיגט דערציילן דעם מעשה, און דער גוי איז געבליבן מיט אן אפענע מויל, זייער איבערראשט. "ווי אזוי האסטו געוואוסט וואס איך גיי דערציילן?" האט דער גוי געפרעגט. "זייער פשוט!" איז געווען דעם ענטפער פון יעקב. "דער טשעפלאן איז געווען מיין פעטער, און ער האט מיך דערציילט דעם מעשה!"

די הייליגע תורה רעדט די וואך וועגן דעם וויכטיגקייט פון מאכן א קידוש השם. פארוואס האט די תורה אזוי שטארק מאריך געווען מיט די פרטים פון אברהם אבינו ע"ה'ס קויפן דעם פעלד פאר שרה אמנו? אפשר האט די תורה געוואלט אונז לערנען דעם וויכטיגקייט פון מאכן א קידוש השם ווען מען האנדעלט מיט גוים.

די גמרא זאגט דאך אז א איד מוז זיך אויפפירען אין אן אופן "שיהא שם שמים מתאהב על ידך..." – אין א אופן ווי דעם אייבערשטען זאל ווערן באליבט דורך א איד'ס מעשים. וויבאלד אז מיר זענען דער אייבערשטער'ס 'עם הנבחר', אלעס וואס א איד טוט, שפיגעלט אפ אויפן באשעפער אליינס! גוט שבת אלע אידן.

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, דוב בער בן רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י
לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג (845) 362-3234
כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה